# אַיין הונד אַלְס שַׁדְכֶן

אֵיינֶע וַוארֶע עֶרְצֵיילוּנְג , זִיא אִיז וואוּנְדֶער שֵׁיין אוּנ אויךְ
נִיט קְלֵיין , אוּנ עֶס אִיזְט פוּן אִיהְר אַרוֹיס צוּ זֶעהֶען , דָאס
שִׁדוּכִים נָאר דוּרְךְ גָאט גֶעשֶׁעהֶן , אוּנ דָאס עֶר בַּאנוּצְט
זִיךְ דֶער בַּיי אַזוֹ וִויא מִיט מֶענְטְשִׁין אַזוֹ אויךְ מִיט טְהִירֶען ,
וָואס גֵייעֶן אויף אַלֶע פִירֶען , אַזוֹ גָאר מִיט אַהוּנְד , וָואס
הָאט קַיין שְׁפְּרַאכֶע אִין מוּנְד . וִויא אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים ז"ל
זָאגִין (מ׳ קהלת ה׳) בכל עושה הקב"ה שליחותו אפי׳ ע"י
נחש ע"י עקרב וע"י צפרדע .

מאת

א. מ. דיק.

נמכר לצמיתות להמו"ל הג׳ ב. קאפעלאוויץ מדינאבורג .

ווילנא

שנת תרל"ט לפ"ק

АЙНЪ ГУНДЪ АЛСЪ ШАДХЕНЪ,

т. е. Собака вмѣсто свата. Соч. А. М. Дика.

Изд. Б. Копелевича.

ВИЛЬНА.

Въ типографіи. Л. Л. Маца, на Квасномъ переулкѣ д. Ш. Кисина № 1195/6 1878 г.

# דער יונגער ארצט (דאקטאר) יאקאב אייבשיצער אין שטעטין .

אלס איך וואר מיט איאר אכט צוריק אין שטעטין האב איך
געהאט איינע געלעגענהייט צוא מאכען מיך בעפריינדעט מיט איינעם
געוויסען אידעשען ארצט יאקאב אייבשיצער , ער וואר איינער פון
דיא דארטיגען בעסטען ערצטען דער צו נאך איינער אידעשער ליטעראט
(משכיל) אונ איין גרויסער אידעשער פאטריאט (איין יודענפריינד) ,
אונ דאהער , האט אין דיא קריטישע (שלימע) לאגע פון אונזערע
רוסישע יודען וואס זייא פאר שריען (שלעכט בערופען) אין אלען
וועלטען . אזו ווייט אינטערעסירט , דאס ער האט ניט אויסען געלאזן
דיא מינדעסטע געלעגענהייט וואס האט זיך אים נור דאר געבאטען
(געמאכט) צוא ערקונדיגען זיך פון אלע זייערע פערהעלטניסע
(סאדערזאנגעס) , דאס הייסט פון זייער בענעהמען , מיט גאט , מיט
לייטען , מיט דער רעגירונג , וויא ווייט זיי זיינען געבילדעט , אונ וויא
גייעט עס צו מיט דער קינדער ערציהונג אונ דאס גלייכען , אדער אום
זיך דייטליכער אויס צו דריקען , ער האט ניט אויסען געלאזן קיין
רוסישען יודען וואס נור איין עט וואס דיינקט , וואס ער האט זיך
ניט בעשפראכען מיט אים דאריבער , ליידער אבער האט ער נאך ביז
זיינעם בעשפרעכן זיך מיט מיר איבער דיזען וויכטיגען געגענשטאנד ,
קיינען גענויגענדען בעשייד איבער אלע זיינע פראגען וואס ער האט
זייא געמאכט, בעקומען , ווייל דיא רוסישע יודען וואס האבען זיך
ביז מיין קומען אהין פעראירט ווארען דער גרעסטער טייהל שנארער ,
אדער סאחער יודען , וואס האבען קיין גרעסערען בעגריף געהאט
פון אונזערע אידעשע לאגע אין דיזע לענדר אלס לוט'ס טעכטער האבן
געהאט איין בעגריף פון גאטעס וועלט . דאס זייא האבען געמיינט
דאס מיט דעם אונטער גאנג פון סדום איזט שוין מעהר קיין מאנס
פערזאן געבליבען פאר זייא וויא נור דער פאטער . אונ אלזא וואר
איך דער ערסטער ביי אים . וואס וואר אום שטאנד צו געבען אים
[illegible] אנטווארטען אויף אלע זיינע פראגען וואס ער האט

Y 3165.32.3
JLM 3165.32.3
JG 78.1.13
Harvard College Library
Gift of
LEO WIENER,
Nov. 16, 1898.

Дозволено цензурою. 23 Августа 1878 г. Вильна.

גמאכט אן מיך אונ וואר העכסט פרידען מיט מיר אונ בין אים געווארען אזו ליב אונ טייער דאס ער זעלבסט פלעגט צוא קומען צוא מיר אויף מיינער שטאנציאן אום אב צוא האלען מיך צוא אים צום אבענד ברויט , אונ מאנכעם מאל צום מיטטאג . אונ פער פלוידערען מיט מיר מאנכע שטונדע, אונ זייער אפט מאנכע נעכט איבער אונזערן אידעשען צוא שטאנד אין היגע לענדער אונ איבער מיטעלען וויא עס צוא בעסערן אונ דיזע פערטרויליכקייט (פריינדליכקייט) זיינע צוא מיר האט אים געמאכט אזו אפען הערציג פאר מיר דאס ער האט מיר דורך איינע קליינע פעראנלאסונג (פאוואר) מיט געטיילט (דער ציילט) אלעם וואס עס האט זיך פאסירט מיט אים פון זיינע קינדעשע יארן ביז אצונד . דיזע ערציילונג האט געדויערט איינע גאנצע ווינטער נאכט . אונ וויל זיא איזט העכסט אינטערעסאנט , אונ דער צוא לעהרענרייך (דאס הייסט עס איזט זייער פיל צו ערלערנען פון איר) טייהלע איך עס מיט אויך דיר מיינע טייערע לעזערין . אונ וויל דיא פעראנלאסונג (פאוואד) פון זיינער מיטטיילען עס מיר וואר קיין אנדערע אור זאכע וויא נור דיא העפליכע (פאראדנע) בעקעסטיגונג פון איינעם אלטען פודעל (קודלאווער הונד) מוז איך דיר פריהער איין עטוואס פון דיזעם הונדע מיט טייהלען (דער ציילען) אונ נאכהער וועל איך דיר שוין דיא הויפט ערציילונג אויף טישען .

## 2.

## דער הונד

איך האב מיך גאנצע פיר וואכען פערזאמט אין שטעטין , אונ מער אלס דרייא וואכען וואר איך זיין טייא געזעלענשאפטער, אונ אויך זייער אפט זיין טיש גענאסען (מיט שפייזער) , בייא אלעם דעם האב איך ניט געהאט איינע געלעגענהייט צו זעהן זיינע פרויא ביז דיא לעצטע דרייא טעג פאר מיין אבפארען פון דארט . דען זיא וואר אין געסט בייא איהרע רייכע עלטערן , וואס האבן דאן געוואוינט אין דענעמארק , קוים איזט זיא געקומען וואר איך פון אים געלאדען צו אבענד ברויט , אום צוא האבין איינע גוטע געלעגענהייט צוא מאכין

מיר



מיר בעקאנט מיט איר , אונ אום צו איבער צייגען מיר , דאס זיא איז ניט ווייניגער קלוג , שיין אונד געבילדעט אלס ער האט איר מיר געשילדערט (פארגעשטעלט) ביי זיינעם אפטערין בעשפרעכען זיך מיט מיר איבער איר , אונ איך האב ווירקליך דער ווסט אין איר איינע גרויסע אונ פארנעהמע דאמע וויא איך האב מיך פארגעשטעלט, אונ דאס גלייכען האט זיא אין מיר דער ווסט דען מאן וואס איהר מאן האט שוין אין פאר אויס פילעם פערשפראכען פון אים פאר איר , דאס הייסט דאס איך בין העכסט אונטער האלטענד (געזעלענשאפטליך) אונ דאס איך קען געבין בעשייד (איינע ערקלערונג) איבער דעם קריטישען צו שטאנד פון אונזערע יודען אין דיזע לענדער , אונ דער צו נאך געמעסיגטע מיטעלען וויא עס צו פאר בעסערין אונד דאס זייא זיינען אים אזו ווייט געפעלין , דאס ער האט זייא פאר צייכענט אין זיינעם נאטיץ ביכליין . איך האב געהאט איינע ווארעמע אויף נאהמע פון זייא ביידען , אונ וואר גלייך געלאדען צו דעם טיש וואס וואר פיל שענער אונ רייכער געדעקט (געגרייט) אלס ביז העהר דאס עס וואר שוין גיוועזן גענוג צו מערקן דר פון דאס איינע ווירטשאפטליכע ווירטין איזט שוין דא צוא הויז . עס וואריין דיא אלע געשיר (כלים) העכסט זויבער אונ ריין אלעם געשפילט אלס וויא זייא וואלטין אקארסט פון פאבריק ארוס . אונ אלעם געשטעלט אין דער גרעסטין ארדענונג , אונ דאס גלייכען ווארען דיא שפייזען וואס ווארן דאן אלע אויף איין מאל אויף געטישט איינע וואהרע אויגען ווייידע (איינע פיטערנעם פאר דיא אויגען) דען עס וואר ליבליך זייא אן צו זעהן , אונ דער צו נאך העכסט אפעטיטליך (געשמאק) מעהר אבער אלעם דיזעם האט מיך דאן העכסט אינטערעסירט , איין קליין טישכען וואס וואר העהר געשטעלט אין איינעם ווינקעל פון דעם שפייז זאל , ער וואר גאנץ נידעריג אונ נאך פיל קלענער אלס איין קינדער טיש , ער וואר געשטעלט אויף איינעם ווייכען דיוואן , אונ וואר אן אטישטוך , אונ זיינען געשטאנען אויף אים דרייא שיסלען מיט דרייא ערלייא געריכטען איינע וואָרפול מיט איינער פעטין רייזענע מים (קאסע) , דיא צווייטע מים שטיקלעך רויע פלייש , דיא דריטע מיט מילך , עס וואר דער

בייא קיין מעסער קיין גאפעל אונ אויך קיין לעפעל צו זעהן אלזא גענוג בעוויז דאס דיזעם געדעקע (פריבאר) איזט פיל מעהר פאר איין טהיר (זיוואטנע) אלס פיר איין מענטשען קינד, אונ וואר אזא העכסט נייגעריג צוא וויסען וואס פאר איין טיהר דיזעם קען זיין דאס זיא זאל מיט אזו איינער עהרע בעווירטעט ווערין, דאך דיזע נייא גירדע מיינע וואורדע באלד געשטייגערט (זיך נאך מעהר פערגרעסערט) אלס איך האב דער זעהן דאס אויף דעם רוף (קליק) „העקטאר הערריין" וואס וואר אוים געשפראכען פון דעם שיינעם מונד פון דער שיינע דאמע מיט איינער העכסט פריינדליכע שטימע, איזט אריין אין שפייז זאל איין בולדאג (איין גרויסער פודעל הונד) וואס וואר ניט קלענער אלס איין האלב יעריגעם קאלב אונ וואס וואר שוין ניט מער יונג, ער איזט אריין מיט איינער העכסט ערענסטע מינע, אונ מיט בעדעכטיגע שריט (טריט), האט זיך פערנייגט פריהער צו דער הערשאפט, אונ דער נאך איזט ער צו געגאנגען צוא דעם קליינעם טישעל. אונ האט אלעם פערצערט וואס ער האט דארט דער וויסט, אבער ניט מיט איינער געפרעסיקייט וויא דיא געוואוינליכע הונדע, נייין, מיט איינער העכסטען געלאסענהייט, אונ מיט אנשטאנד (דרך ארץ) פריהער האט ער פערצערט דיא רייזענע מוסע (קאסע), נאכהער דאס פלייש אונ אם ענדע האט ער פערטרונקען דיא מילך. אונ אלס ער וואר פערטיג דער מיט, האט ער זיך ווידער פערנייגט אונ איזט זיך ארוים אזו ארטיג וויא ער איז אריין.

דיזע שצענע האט געמאכט אויף מיך אזו איינען שטארקען איין דרוק דאס איך האב מיך דאס לאכען ניט געקענט אבווערין, אונ האב ארוים געפלאצט מיט איינעם שאלענדען געלעכטער אלס וויא איך וואלט געוועזן אויף איינער קאמעדיע וואס דיא הונדע (היתם) שפילען דארט אוים מענטשליכע ראללען, אונ מיין ווירט וואס איז געווארין עפעס וויא בעטראפען (בעליידיגט) דער פון, בייא זיינעם מיינען דאס איך האלט עם פיר איינע דומהייט פון אים צו האפירען (דאס לובעווען) אזו ווייט איין אונפערניפטיגעם (דומעם) טהיר (זיוואטניא) האט זיך דאן אבגערופען צוא מיר „א מיין חערר" פערמאכטען זייא מיך ניכט

איבער



איבער דיזע העפישע (איידעלע) בעהאנדלונג מיינע דיזען הונד, דען ער האט עס העכסט פערדינט בייא מיר אונ בייא מיינער פרויא, ערסטענס דורך זיינען גרויסען פארשטאנד, דען ער איזט קלוג איבער דיא מאסען (איבער דעם שיעור) קליגער פאר מאנכען מענטשען. עס פעהלט אים מער ניט וויא דיא שפראכע, דען ניט נור דאס ער פער שטייט אלעס וואס מען שפרעכט צו אים, ניין ער פער שטייט אזו גאר צו לעזען אונזערע מינען, אונ קומט צוא פאר אלעם וואס נור מיר ווינצען וואס פון אים, נאך בעפאר מיר פערלאנגען עס פון אים *) צווייטענס איז ער מיר איינע ירושה פון מיינעם זעליגן (געשטארבענן) פאטער וואס ער וואר זיין טרייער בעגלייטער (פראוואזאטעל) אויף זיינע ווייטען רייזען. דען ער וואר איין גרויסער יובעלענהענדלער, ער (מיין פאטער זכרונו לברכה) האט אים צו פערדאנקען בלוט אונ גוט. דען מער אלס איין מאל האט ער אים גערעטעט פון מערדער פון רובער, אונ וואר זיין טרייער וועכטער. איין ווארער צערבערוס **) פון זיינעם גרויסען פערמעגין וואס ער האט מיט זיך געפיהרט דאס הייסט פון זיינע שאכטלען בירלאנטען, ער פלעגט צו ליגען איבער זייא וויא איין צויבער דראכע ***) איבער איינען געהיימען שאץ. אונ אום דאס נימאנד (קיינער) זאל אים קענען פערלאקען (פרימאנען) דורך איינען לאקערביסען (נאסערייע) אדער גאר פערגיפטען, האט אים דער פאטער איין געוואוינט, דאס ער זאל זייענד מיט אים אונטער

וועגינם

---

*) מדרש קהלת (יו"ד, כ') נמשל כבהמות נדמה אין נדמה אלא שתיקה, שיתקתם מפניך. ראה כבוד שעשיתי לך ואין אתה מבין כל הטובה הזאת, ואדם ביקר ולא יבין.

**) דיא אלטע גריכען האבין געגלויבט, דאס בייא דעם טויער פון גיהנם איזט אנגעשמיט אהונט מיט צווייא קעפ וואס הייסט צערבערוס, אום איין צוהיטען דאס ניט איינער זאל פון דארט אנטלויפן.

***) עס וואר פערצייטען געגלויבט, דאס דיא מכשפים פלעגין ארום צו לייגען איינע צויבער שלאנגע ארום זייערע שעצע וואס זייא פלעגען צו בהאלטען אין דער ערד.

גרעניצם קיין ביסען פון קיינער פרעמדען האנד אן גענוממען, זעלבסט זייענד הונגעריג וויא איין ערדענקלאוער הונט (דאס הייסט וויא אהונט וואס האט קיין הערען איבער זיך), אויך וואר ער אים אזו טרייע, דאס ווען מיין פאטער פלעגט זיך אפט צוא פיל פער זאמען ערגעץ וואו האט ער אים באלד אויף געשפירט וואו ער זיך געפינט און האט שוין ניט אב געטראטין פון אים ביז זיינעם צוא ריק גיין, און האט אים בעגלייטעט ביז צו הויזע, און דיזע גוטע אייגענשאפטען (מעלות) זייגען נאך אצונד אויך ביא אים.

דריטענס איז ער ביא אונז טייער פאר זיינע גרויסע פאר דינסטען (זאסלוגעם) וואס ער האט אונז זאסלוגעוועט. דען מיר האבן אים נאך פיל מעהר צו דאנקען אלס אונזער זעליגער פאטער, וויא איך וועל אייך באלד דא אלעס דער ציילען דען אויסער דעם וואס ער האט אונזער לעבין פאר היט, וואר עס (דאס לעבין) נאך דורך אים אויך אויף געבליהט, דען ער וואר וויא צו זאגין אויך אונזער ברויט ווערבער (שדכן), "און דיזעס, האב איך מיך אב גירופין צו אים איז מיר שוין פיל מער אלס איין וואונדער. דען עס ריכט (שמעקט) מעהר נאך איינעם פאבעל (בייקע) אלס נאך איינער ווירקליכקייט, אזו איין וואונדער פאסט פיל מעהר פאר יענע אלטע צייטען, וואס בוימער און טהירע האבין גישפראכין. און גאטעס ענגלען זיינען פון הימעל אויף דער ערד אראפ גיקראכין. אבער ניט פאר אונזערע צייטין. וואס מיר זיינען שוין פיל קליגער בעוויי טין "און דאך מיין הער" האט ער זיך אפ גירופין איז עס איינע ווארהייט, דיא הימעל פרייזען גאט אהנע (ניט) אייןווארט צו שפרעכין וויא דער פסוק זאגט (השמים מספרים כבוד אל כו' אין אומר ואין דברים. בכל הארץ יצא קום) און דער בורא ברוך הוא בעדינט זיך זייער אפט ביא דער אויס טייהלונג פון זיינע שטראפונגען און בעלוינונגען, מיט שטומע בעשעפענעסן, און בפרט נאך ביא זיינעם הויפט געשעפט וואס בעשטייט אין דער פארונג (שידוכים) און וואס ער הייסט דאהער מיט דעם נאמען מזווג זווגים (דער לענקער דער עהען), דען אזו דריקען זיך אויס אונזערע חכמים דארט אין מדרש קהלת (ה' ס"ח) אויף דעם פסוק (ויתרון ארץ

בבל



בכל הוא בכל אני עושה שליחותי ואפילו ע"י נחש ע"י עקרב וע"י יתוש ואפילו ע"י צפרדע) דאס הייסט דער ליבער גאט פאר ריכט זיינע מיסיאנען (שליחות) אמאל דורך איינע שלאנגע אמאל דורך איינעם סקארפיאן, אמאל דורך איינע מוקע, אמאל דורך איין פראש, נון איזט מיר שוין ערלויבט צוא זאגן אויך ע"י כלב. דאס גאט פאר ריכט זיינע מיסיאנען (שליחות) אוך דורך אהונד, ער האט צוואר דער ביא ניט גשפראכן, אבער דאך פיל בעסער אויס געפיהרט אלס דער בעסטער שדכן, אן אייבען ליגען צו זאגען דער ביא, און אן דעם מינדעסטען פערדרוס, און אן שדכנות. אלזא קורץ אונד בינדיג געזאגט, דיזער הונד האט זיך זייער העכסט פאר דינט געמאכט ביא אונז, און מיר זיינען אים זייער ווייט פערבונדען צו זיין דאנקבאר. וויא אונזערע חכמים זאגען (אין הקב"ה מקפח שכר כל בריה) דאס הייסט דער בורא ברוך הוא קירצט ניט דעם לוין פון קיין בעשעפענעס *) און ביא אלעם דעם ווייסע איך דאס ביא אייערע רוסעשע יודען וואלט אויס זעהען דיזע נאבעלע בעהאנדלונגען מיינע דיזען העכסט פערדינטען הונד, העכסט שמיעסנע (לעכערליך), ליידער אבער וויא איך ווייס פון הערען און זאגען און נאך פון לעזען, דאס ניט בעסער אלס זייערע הונדע, ווערן פון זייא בעהאנדעלט אוך זייערע אלטע טרייערינערשאפט, דער רייכסטער דיינקט ניט מער פון זייא אלס פון זיינער קאצע אונד הונד וואס ער זארגט ניט אום זייערע נעהרונג ווערענד זייא זייען נאך ביא אים אין דינסט. דאס הייסט אלס ער ברויכט נאך דיא קאצע אין זיין הויז אים צוא רייניגען עס פון שרצים, און דעם הונד אים עס צו היטען.



*) (מדרש בראשית כ"ב) ומי קברו (פ' ס' קבר את הבל) אמר ר' אלעזר בן פדת עופות השמים וחיות טהורות קברוהו ונתן להם הקב"ה שכרן ב' ברכות שמברכין עליהן א' לשחיטה וא' לכיסוי הדם, דאס הייסט ווייל דיא כשרה עופות און חיות האבען מקבר געוועזען דעם הבל האבען זייא זוכה געווען דאס מען זאל מאכען צוויא ברכות איבער זייא על השחיטה ועל כסוי הדם.

ער האט צוהאר קיין ליינען געוואנט, דען ער האט דיא נארהייט געשפראכען, דען מיר רוסישע יודען געהערען ניט צו יענער קלאסע מענטשען וואס איזט אויף זייא צוא לייענען דעם פסוק (יודע צדיק נפש בהמתו) דאס דער געבילדעטער מאן קימערט זיך אום זיינע פיהע, דען מיר גייהען גאר ניט אריין אין זייער וויא אונ וואוהל. אקאץ אהונד גיט מען גאר ניט עסען אונ לעבען נור פון דעם וואס זייא ערהאסען (הארפען) אונ נאשען, אונ דער בעל העגלה אדער פור מאן שטופט ארוים אלע וויילע (נאננויעט) פון דיא האבער וואס ער האט אריין געשאטען פאר זיינע פערד אין דער קריפע (שלאב) פולע יארמעלקעס. אונ בעלאדעט זייא מיט שווערע לאסטען, דאס עס איזט הערץ רייסענד עס אן צוא זעהען, דאס גלייכען מארען אייערע קצבים זייער שטארק זייערע שלאכט פיהע, דען זייא בלייבען שטיין אין זייערע זאגאראדקעס פילע טעג אן עסען אונ אן טרינקען, האט איינער אציג וויים ער ניט פון צו געבען איר קארמע, וויא איין קצב פון צו געבען עסען זיין אידעס וואס ער האט גענומען אויף קעסט זייא איזט פול אין אלע נאסען. האפט פון דיא שעמערס פון דיא גהעלבען, דא אונליינגסט (ניט לאנג) האט אונז דא אין שטעטין איינער פון אייערע בהידער איינען שרעקליכען בייא שפיל געגעבען וואס הייסט דאס ניט געבען אקאץ עסען.

דיזער יודע וואוינט דא בייא אונז צייט צוויא יאר מיט ווייב אונ קינדער. אלס קאמיסענער פון איינער ווארשעווער זיידענהענדלער, אונ האט זיך פערשאפט אין זיינער ווירטשאפט איינע קאצע וואס ער האט איין געהאנדעלט פון איינעם קאצען האפער (קאצע לאפ), אונ ניט קוקענדיק דארויף דאס דיזע קאצע איזט פון געבורט איינע פרעסין, אונ איזט ניט געוואוינט צו הונגערען, אונ גאנץ פערקערט נאך צוא צעניסען איינען גוטען ביסען, וואר זיא אויפגעוואקסען בעוואהרען פון אים נור אויף אהר איינענע קאסט, דאס הייסט דאס נור דיא מייז זאל זיין איהר שפייזע. אונ וויל ניט אלע מאל ווארען דיא מייז גוט געלוינט צו לאזען זיך פאנגען, איז דא שיר פון הונגער פערהאנגען אונ האט זיך דאהער אזו ווייט פון צייט אנדער געטאסט, דאס דיא

ווירטשאפט



ווירטשאפט (דיא פאמיליע) האבין געלעבט נור מיט דעם קליינען רעסט, וואס זיא האט איבער גילאזין פון נאך דיא קעסט. נון גיוואר אלזא מיט דער צייט אלץ אונטערין שלאם גיבראכט דאס דיא קאץ אוים גרויסין הונגער אונ נויט איז גיווארין איר בעסטער געריכט דיא הערענגענדע ליכט, וואס פלעגין שטעקין אין דיא לייכטער אויף דעם טיש. אונ אלס זיא וואר דארט אמאל פון דער מויה געוואגט, אום דאס ליכט צו ענטרייסען פון איר מונד, האט זיא זיך דער מיט געפליכטעט אין איינעם שפייכלער וואס וואר פול אונ פאק מיט פלאקס, אונ עס איזט ענטשטאנדען דער פון איין גרויסער בראנד, דיא קאץ וואר ערגריפען, אונ צו גלייך גיווארין ערפראכט דאס עס האט איר צו דיזעם שטרייך געטריבען נור דער הונגער, אונ דיזער יודע וואר פאר אורטייהלט (פאר משפט) פון דעם שוואור געריכט צו בעצאלען דעם גאנצען שאדען, ער זיצט נאך איין געשפארט אין געפיינגעניס, אונ מיר לויב גאט ווייסען נאך פון וואונדער צו ערציילען, דאס דער בראנד איזט וואס צום גיכסטען איין געלאשען געווארין זאנסט וואלט אוועק געברענט דיא גאנצע שטאדט. איך וועל אייך מיינע טייערע לעזערינען ניט לייקענען, דאס איך האב דיזען קריטיק איבער אונזערע ברידער אוים געהערט פון יאקאב אייבשיצער מיט איינעם שמערץ וויא איינע שווערע אפעראציאן, אונ האב קוים ערלעבט דאס ענדע דער פון, אונ האב נאך ליידער גימוזט זאגין מיין אמן דער צוא, דען ער האט וואהרעס געשפראכין. אונ דיזעם (דיזע שנעלע בעענדיגונג) האב איך געהאט צו פערדאנקין נור דיא גוטע ווירטען וואס האט אונז (בייא איר מערקען דאס דיזער געשפרעך קריינקט מיך) גענייטיגט צו וואשען זיך שוין אונ צו געניסען. דיא שפייזען האבין מיר זייער גוט געמונדעט, פיל בעסער אלס דיא שפייזען פון דיא פאריגע איינלאדונגען בייא אים, דען בייא דיזעם מאל האט שוין געשאלטעט אונ געוואלטעט איינע ווירטין אין דער קיכע, אויך דער בורדא (אזו איין אכט ווייך) נאר פון בעסערען סארט אלס דיא ביז העריגע, אונ מיר האבין אונז רעכט גימליך געטאן אונ גאבען גוטער דינגע (פריילך) אונד אונזער געשפרעך האט שוין גינוסען איינע היטערע (פריילכערע) ווענדונג,

דיא

צער בעלי-חיים

דיא מאראם האט אונז דער ציילט פון איהרער רייזע פון דענענמארק אהער, אויך מאנכען אבענטייהער (פריקלוצענעם) פון דעם העקסארען וואס וואר איהר טרייער בעגלייטער (פרעוואזאטעל) אויף דיזער לוסט רייזע, עס וואר דאן שוין אין שפעטען הערבסט (ארום חנוכה) דרויסען וואר שטירמעם אונ שנייאיג, אונ מיר האבין אונז גליקליך געשעצט צו זיין צו הויזע אין אזא איין הונדעם וועטער, בייא איינעם גוט בעזעצטען טיש, אונ דער צו נאך בייא איינער פלאשע בורדא, — אונ דאהער אלס איך האב אן גיהייבין מינע צו מאכין באלד נאך דעם עסען, צו נעמען אבשייד פון זייא אום צו גיין אויף מיין קוואטיר, האבען זייא ביידע מיך דער האלטען צו נאכטען בייא זייא, עס איזט דרויסן אונגעוויטער, שטירמעם, אונ אייער קווארטיר איזט איינע גרויסע שטרעקע פון היר בלייבען זיא היר נאכטען. האט ער צו מיר געזאגט, אונ נאטע בענע (גוט געמערקט) דאס איך האב אייך פאר שפראכין מיט צו טיילען (דער ציילען) דעם גאנצין הערגאנג (פאסירונג) פון דיזעם הונד וואס קרייצט דורך (דורך וועבט) דיא הויפט געשיכטע פון אונזערעם ביז הערינען לעבען. זיא וועט אייך העכסט אינטערעסירן, אונ פערגעניגען, אונ וועט אייך אויך צו גלייך פון גרויסען נוצען זיין אים לעבען. דען דיזע ערציילונג מיינע איז מוסטער האפט (פרימערנע) אונ לעהרען רייך, איין שיינער בייא שפיל פיר יעדען, דאס מעניהערט זיך ניט בעקלאגען אונ ניט פערצאגען (זיך קימערען) אין אלע פעלע וואס קען נור געבין אין דעם מענטשנס לעבין צו גוט צו שלעכט צו ליינקס צו רעכט, דען עס וואלטעט (געוועלטיגט) איבר אונז מענטשן איינע געטליכע פארזיכט (השגחת אלקות), אונ ווער נור צו גאט האפט, דער שוין אויך רוהיג שלאפט.

איך האב דיזע פראפאזיציאן (פאר שלאג) צו בלייבען דארט נאכטען אנגענומען מיט פריידען, דען דיא ווארהייט צו זאגען וואר איך נאך פיל מעהר וויליג עס צו הערען אלס ער צו דער ציילען, דיא מאראם איזט אוועק שלאפין אין איר שלאף צימער אונ מיר ביידע האבין אונז אריין געזעצט אין איינער טיפע אונ וויכע אטטאמאנקע (טירקעשע זאפקע) וואס איזט געשטאנען אין שפייז זאל געגען איבער

דעם



דעם קנאסטערענדען (טרעסקענדען) קאמין אונ לעבען אונז וואר געשטעלט איין קליין טישכען מיט אוואנער ציגארען אונ שוועבעל העלצעבען, אונ אלס מיר האבען אונז שוין געהעריג איין גערוכטעט אונ מיר האבען אן געהייבען צו שמוכען (רייכערען) האט דער יאקאב אן געהייבען צו דער ציילען זיינע גאנצע געשיכטע פון דעם לעבען זיינעם, — נור אזו ווייט זיא וואר פערבונדען מיט דער געשיכטע פון דיזעם הונד.

3.

## אראן אייבשיצער.

„מיין זעליגער פאטער זכרונו לברכה" האט ער אן געהייבען, האט גיהייסין אראן אייבשיצער ווייל ער וואר איין אבקעמלינג (איין איינינקעל) פון דעם גרויסען גאון ר' יונתן פרעגער וואס האט געהייסען דער אייבשיצער, ער וואר איין מיכטיגער (גוטער) תלמודישער (גמרא בקי) איין נאטעס פירכטיגער מאן, איינציגער מאסין געבילדעט, אונ בראוו איבער דיא מאסען (איבערין שיעור) אונ וואר וויא צו זאגין גוט מיט גאט אונ מיט לייטען, אויך וואר ער שיין פון אויס זעהען דען ער וואר ליבליך געשטאלטעט אונ דער צו נאך העכסט אן ציהענד (פריוולייקאטעלנע) אין שפרעכין, דאס עס וואר איינע פריידע זיך [illegible]נטער צו האלטען מיט אים, דען ער האט זיך זייער פיל אום געקוקט אין גאנטעם וועלט, אונ האט אין איר פיל וואונדער געזעהן, דען ער וואר איין גרויסער יובעלען הענדלער, ער וואר איינינע מאל אין קאלעקוט דיא הויפט שטאדט פון אסט אינדיען, וואס דארט איז דער אורשפרונג (דער מקור) פון אלען איידעל שטיין, ער וואר אין זיריען, אין עגיפטען אין אלע אראפייעשע העפע (הויפען) אונ האט ניסאנדען בעטראכטען ניט אין קויפען אונ ניט אין פערקויפען, טראץ דעם וואס אין דיזעם געשעפט קען עס אם לייכטעסטן געשעהן, אונ דער צו נאך מיט איינעם גוטען פראפיט, גיין ער וואר גאנץ ווייט דער פון — דען ער וואר דיא ערליכקייט אליין, אונ האט געהאט בערויף ציינגיסע פון דיא גרעסטע הויפען, רעקאמאנדאציעם פון

אייגער

אײנער קינדין צו דער אנדערען קינדין, דאס נור אז בײא אים איז צו קיפען שמוק אהנע געפאהר צו װערען איבער פארטעלט (איבער געזעצט), לבד דעם װאר ער אײן גרױסער קענער אין דיזער ארט װאהרע (סחורה), דאס פילע מאגנאטען אונ גרױס יובעלען הענדלער פלעגען זיך פערלאזען אויף זײנע קענטניסע דארין, אונ גאט װאר מיט אים דען ער האט זיך גענערט אין עהרען, געפיהרט אימער אײן ברײטעס לעבען. אײנען אפענען טיש, אונ װאר אימער גוטער דינגע, אונ אין זײנעם גײסטע (און דוחא יעוואָ) האט אונזער מוטער זאל לעבען געלײטעט (אופראװליײעט) דאס הויז גװעזען (די װירטשאפט) זיא װאר אײנע אפענע האנד, אונ אויפגענומען צו איהרעם טיש פרײנדליך אונ ליבליך, ארעם אונ רײך, אלעם גלײך. אונ װאר אים צו גלײך אײנע גרױסע זאך קענערין אין דעם בורלאנטען געשעפט, אונ פלעגט אים זײער געשיקט דיריגירען (פירען) אין דער אבװעזענהײט דעם פאטערס (דאס הײסט אין דער צײט װאס ער װאר ניט אין דער הײם) אונ זיא װאר אים אלזא אײנע װירטין צו הויז אונ אײנע געשעפטס מענין אין דעם עסק אונ זיא װאר אלזא אײנע אשת חיל אין דעם העכסטען זין דעם װארטעס אשת חיל. אונ האבין אלזא געפיהרט אײן שטילעס אונ פרידליכעס הויז־לעבען, דען זײא װארען בײדע אײנער מײנונג (אײן דעה) אין אלע בעציהונגען (אטנאשענעם) אזו װאס אן [illegible]עטרעפט (געהערט) צום הײזליכען לעבין צוא קינדער ערציהונג, אונ אזו װאס אנבעטרעפט דעם געשעפט, אונ נאטעס זעגען װאר דורך דעם צוא זעהען אזו אין שטוב זאכן אונ אזו אין געשעפט זאכען אונ פריידען דער לעבט אן זײנע צװײא קינדער װאס ער האט דער לעבט מיט מײנער מוטער, אן מיך אונ אן מײנען ברודער װאס הײסט מארקוס װאס איזט עלטער פאר מיר מיט זעקס יאר, דען מיר בײדע װארען זײער שײן געװאקסען אימער געזונט אונ מונטער, בײדע מיט גוטע קעפ, בײדע פלײסיג אין לערנען, בײדע גינײגט אין גוטין װעג, דען מיר האבין גינאסען צו הויז אײנע העכסטע מאראלישע (מוסרדיקע) אונ אײנע העכסטע רעליגיעזע (פרומע) ערציהונג, ביז דעם צװעלפטען יאר האבין מיר גילערענט אין דיא אירעשע [illegible]ם

וואס



װאס זײנען אײן געריכטעט בײא אונז נאך [illegible]אלט פון קלײנע קלאסיצנע שולען, װאס װערט דארט גילערנט דיא [illegible] יסודי הדת (קאטעכיזים) אײן עטװאס עין יעקב, אידעש גישיכטע, גיקליבענע פרקים פון דעם חובת הלבבות, אידעש שרײבען, רעכענען, אונ אײן עטװאס פון דער לאנדעס שפראכע אונ שרײבען, יעדער חדר בעשטײט אויס צװײא גרױסע צימערין װאס העכסט זױבער, ציכטיג אונ טרוקען, עס װאױנט דארט נימאנד. עס װערט דארט גילערענט פון אכט ביז צװעלף, אונ נאכהער פון צװײא ביז זעקס, עס טארען זיך דארט ניט געפינען מעהר אלס צװאנציג קינדער, אונ צװײא לעהרער. דאס הײסט דער רבי אונ זײן געהילפע (בעהעלפער) בײדע מוזין זײן עקזאמענירט, אונ פון גוטין בערוף. אונ אלע יאר װערין דיא קינדער עקזאמענירט. אין דעם דאבטיגין אידישין קאנסעסטאריום (דוחאװנע סאבראניע) װאס דער רב איזט דארט פרעזענדעט, אונ װיא דער קנאפע טרעט אהײן שוין אין זײנעם דרײצענטין יאר, זוכען שוין אויס דיא עלטערין זײערע אײנען געװיסין לעבענס פאך פאר אים, מאנכע פון זײא שטודירען ראבינער, מאנכע ארצענײע (דאקטערײא) מאנכע יוריא, אונ מאנכע שטודירין דיא קױפמאנשאפט, אונ װידער אנדערע װערען אפ גיגעבין צו האנד װערקער, איך ערצײהלע עס אײך אום עס זאל אײך עס דינען פאר אײנען גוטין בײא שפיל, אום עס אײן צו פירען אויך אין אײערע לענדער, אונ דאן װעט איר אויך קײנע שנארער אונ בעטלער האבין װיא מיר האבין ניט אונ פשיטא שוין קײנע בעטריגער, װײל יעדער בעזונדער װעט שוין קענען פאר דינען זײן ברויט אויף דעם גראדען װעג, עס מוז יעדעס קינד בעזונדער אויף געװיזען װערין אין זײנער צארטעסטען יוגענד נאך אויף אײנען געװיסען נאהרונגצװײג (פרנסה) װען דיא חיונה איז דיא הױפט זאכע אין מענשליכען לעבין, נוט אונ ארמוטה פערלײטען (פאה פיהרין) אײנען יעדען צו דעם גרעסטין פאר ברעכין, דאס זעלבסט אונזערע חכמים זאגין (כל מי שאינו מלמד את בנו אומנות מלמדו לסטות), עס אין ליבער צו פיל װאס[illegible], האב איך אים גיענטפערט, עס איז אבער דער װײל [illegible] אונמעגליך עס אײן צו פירען, װײל מען האט דער בײא

צוא

צו שטודירען מיט איינעם גרויסען פאנאטיזמוס (אבערגלויבען) און מיט
אנדערע פערעהרטען (אלטען) שטאלץ, דען מעשעסט זיך צו זיין איין
תאנך ווערקער, און נאך מעהר צו געבען קינדער אין דיא קלאסען צו
צוואר אין דיא נייערע צייטען, האט מען שוין איין עטוואס נאכגעגעבען,
ליידער איז עס קוים אין דיא גרויסע שטעט צו מערקען. אין דיא
קלענערע איז מען נאך פאנאטיש (זאיאדלעהעט) דיא מיט אייניגע
הונדערט יאר צוריק. קורץ גיזאגט עס וואר אונטער אונז איין גרויסער
רעבאט (ויכוח) דאריבער. נור ניט דא איז דער ארט עס מיט צוא
טיילען דיר מיינע טייערע לעזערין. דען איך בעאיילע מיך פאר צו
זעצין (פראדאלזייען) דיא ערצייהלונג זיינע, מיר האבין איר (דיא
ערציילונג) אונטער בראכין (מפסיק גיוועזען) דאס ביז זייער צוועלפטען
יאר האבין וויא גילערענט אין דיא אידעשע חדרים, צון גוט, נון נוט
מיר וועלין איר פון דארט ווייטער פארטזעצין.

„און אלס מיין ברודער" (האט ער מיר ווייטער דער ציילט)
האט בעענדעט דיא אידעשע שולכעל אדער חדר מיט איינעם גוטין
ערפאלג (אוספיעח אדער בעולה) דען ער איז ארוים פון איר קלאר
אין תנך מיט דקדוק און מיט אגוטען בעגריף פון אידעשען דת און
דער צוא נאך איינעם ריכטין וויסען פון תלמודישע געגענשטענדע
(דאס הייסט פון גמרא) האט ער בעצויגען דעם גימנאזיום וואס איז
אין אונזער געבורטס שטאט „אדעזזע" דען אייגענטליך בין איך איין
דענע (איין דענעמארקער), און אלס ער האט אים בעענדעט וואס
דיזעס איז גישעהען אין זיינעם אכצעהנטין יאר, איז ער אוועק קיין
קאפענהאגען אום צו שטודירען אין דער דארטיגען אקאדעמיע דיא
ארצעניע (דאקטעריע), און איך וואס וואר דאן אלט צוועלף יאר,
בין איך דאן ארוים פון דער אידעשער שולכעל, מיט איינעם נאך פיל
בעסערין ערפאלג (אוספיעח) אלס ער, דען איך האב פיל בעסערע
פעהיגקייטען (שפאסאבנאסטען) אלס ער, און האב בעצויגען דעם
געמינאזיום פון מיינער געבורטס שטאדט, און האב אים בעענדעט
און מיט איינעם העכסטין גוטין ערפאלג (אוספיעח), אין דעם זעלבין
יאר אלס מיין ברודער מארקוס האט בעענדעט זיין שטודיום אויף דער
אקאדעמיע



אקאדעמיע און איז ארוים פאלנער דאקטאר מיט איינעם גאלדענעם
מעדאיל וויא דאס גלייכען איך אלס גימנאזיסט, אויך מיט איינעם
גאלדענעם מעדאייל און מיט איינעם פאחוואלנעם ליסט, - צוא אונזערין
עלטערענס פרייידע. און תייל גראדע אין דיזען מאנאט וואס מיר האבין
בעענדעט אונזער שטודיום איז גיווארין אונזערין פאטער פאלע זיבעציג
יאר, האט אונזער פאטער געמאכט איין שבעים מאלצייט, איין מאלצייט
וואס האט זיך פערוואנדעלט אין איינער רירענדע טראגעדיע (טרויער
שפיל) דען עס וואר אין איהם פיל מעהר געוויינט אלס זיך גיפרייט
וויא איך וועל עס אייך באלד דער ציילין מיט איינער גרויסין ווייהע
מוטה, דאס איך וועל געוויס זיין דער ביא אזו וויט געריהרט דאס
איך וועל מיך ניט קענען אפ וועהרין פון טרעהרין, דען איך וויינע
אימער ביא מיינעם מיטטיילען עס איינעם צווייטען.

4.

## דער שבעים מאהלצייט.

עס ווארין צוא דיזעם מאהל צייט געלאדין אלע אונזערע פאר
וואנדעטע (קרובים), פילע גוטע פריינד, און מאנכע בעקאנטע פון
פערשיידענע קלאסין, קויפלייטע, געלעהרינטע, און מאנכע בעאמטע
(ציינאוונעקעס) דער טיש וואר געדעקט הערליך, געריכטען דיא הילע
און פילע און יעדער האט זיך גימליך געטאן נאך זיינעם בעליבען,
און מען וואר זיך אזו גוטער דינגע ביז עס וואר גיבראכט צום טיש
פערשיידענע סארטין וויין, בורדא, מאדערא, טענעריפע, און
דאס גלייכן, און דאן אלס מיין זעליגער פאטער וואר שוין גוטער לוינע
(דאס הייסט אין גוטען הומאר) האט ער אויפגעהייבין זיינע ביידע
הענד צוא גאט און האט געזאגט איך דאנקע און פרייזע דיך גרויסער
בעשעפער דאס דוא האסט מיך דער האלטין אויף דיינער וועלט ביז
אהער און מיך גענערט אין עהרען, און האב ביז היער נימאנדען
אנדערש געטאן, איך האב קיינען בעטראגין, נימאנד אנגעזעצט, און
בעט

בעט דיך גרויסער בעשעפער דאס איך זאל אזו בעטען דעם בעסט פון מיינעם לעבין, דאס נימאנד זאל מיך דארפין דער מאנען צום שלעכטין, אונ לאז מיך קוויטירען מיט דער וועלט ערליך אונ רעדליך. צוואר זיינען שוין די טאגע פון מיינעם לעבין געציילט (דאס הייסט שוין ניט פיל) דען איך בין דאך געווארין היינט זיבציג יאר, דאך זאגין דאך אונזערע חכמים אין מסכת תמיד (לבעי אינש רחמי עד זיבולא בתרייתא) דאס הייסט דער מענש געהערט גאט צו בעטין דאס ער זאל אים שיצען ביז דעם לעצטין שופיל ערד וואס מען וועט אויף זיינעם קבר דארפין שיטען, דען ליידער האב איך שוין פיל מעהר אלס איין מאל געזעהען וואס פאר אומגליקען עס איזט מיט רייכע לייטין אויף דער עלטער גישעהען, מאנכע ווערין אזו ארעם דאס זייא שטארבין אין פרעמדע תכריכים, מאנכע בעהיטע גאט פערלירען דעם פאר שטאנד, מאנכע בעגייהען איין דומען שטרייך (איינע שמוציגע זינדע) אויף זייער עלטער דען מיר ווערען ניט לויז פון די ליידענשאפטין (תאוות) ביז אין די גרויען טאגען וויא אונזערע חכמים זאגין מדרש קהלת ד' סימן ח' (מלך זקן וכסיל זה יצר הרע שהכל שומעין לו, ולמה נקרא זקן שמזדווג לו מילדותו ועד זקנתו) דאס הייסט דער יצר הרע איז שולט איבער דעם מענשין וויא איין קיניג זעלבסט אין זיינען אלטען טאגען, מאנכע ווארין גאר בלינד בעהיטע גאט, אונ פאלין צוא לאסט אויף זייערע קינדער, אונ אזוא גלאט אין אלגעמיין (בדרך כלל) איז דאס אלטער (עלטער) איינע העכסט טריבע אונ געפעהרליכע צייט, וואס שלמה המלך רופט זייא אן אין זיינעם ספר קהלת מיט דעם נאמען ימי הרעה די אומגליקס טאגע, ווייל עס הייבין דאן אן צוא פעהלין אלע חושים אין מענשין, מען דער זעהעט ניט מען דער הערט ניט, מען ווערט ענטקרעפטעט, די נאטור בעהאנדילט אים דאן וויא די פאליציייסקע איינע פערברעכטיקין (פאדאזריטעלנעם) וואס האבין דאס רעכט אנצוגרייפען אים אונ פעסט זעצין פאר איינען מינדעסטין פערגייען (זינדע) דאס הייסט די נאטור בעשטראפט דעם מענשין אין זיינע עלטערע



פאר אנאכט ניט דער שלאפין, פאר דאס מינדעסטע פערקילען זיך. אונ אם שענסטין אונ אם קרעפטיגסטען דריקן זיך דאריבער אויס אונזערע חכמים אין גאנץ קורצין ווארטען דארט אין נדרים ד' מ"א (כיון שהגיע קצו של אדם הכל מושלין בו שנאמר והיה כל מוצאי יהרגני) דאס הייסט וויא נור דער מענש קומט אריין אין זיינע לעצטע יארין האבין שוין אלע די שליטה איבער אים צוא שארין אים אונ צוא טייטין. אים דאס הייסט די מינדעסטע סבה וויא דער פסוק זאגט (והיה כל מוצאי יהרגני) דאס הייסט דאס יעדער וואס נור מיך בעגעגינט איז מיר שוין גיפעהרליך, דען ער איז אים שטאנדע שוין אונ האט צוא גלייך דאס ערלויבנים מיך צו ערמארדין, אונ דער געוויסער רבא זאגט דאריבער נאך קרעפטיגער ער זאגט „דאס וויא דער מענש קומט אין זיינע עלטערע יארין איז שוין אויף אים צוא לייענען דעם פסוק (למשפטיך עמדו היום כי הכל עבדיך) דאס הייסט אלע סבות פון דער וועלט שטייען דיר גאט צום געבאט (צוא דיינעם בעפעהל) אום צוא פאלציהען (איספאלניען) דיין געריכט אין דיינעם געריכטס טאג, דען זייא זיינען אלע דיינע דינער (נאראדאוואי) אויך ווערט מען צוא די עלטערע יארין על פי רוב גאנץ אונפעהיג (נעשפאסאבנע) צוא געשעפטין, וויא שלמה זאגט אין זיינעם קהלת ביי זיינעם שילדערין דארט אם ענדע דאס אלטער (עלטער) פון מענשין (וסוגרו דלתים בשוק) דאן ווערין שוין צוא געשלאסין (פאר דעם אלטען) די טירין פון די קראמען וואס קומען ארויס אין מארק, דען עס איז שוין פאר אים וויא נאך דעם יריד, אונ אזוא זאגט ער דארטין ווייטער (וסבבו בשוק הסופדים) דאס הייסט ערסט דאן בערעכענען זיך די מענשין וואס פאר איין יריד זייא האבין געהאט אויף דיזעם וועלט מארק פון זייער לעבין, אונ ביי זייער איינזעהען דאן דאס זייא האבין צוא דיזעם יריד זייער פיל צוא גילייגט, דאן גייען זייא אויך איבער דיזעם וועלט מארק יאמערענד אונד וויינענד איבער דעם גרויסין פערלוסט (שאדען) וואס זייא האבין גיהאט אויף אים *) געננוג מיינע ליבען, דאס אלטער (עלטער) איז פערבונדין מיט

גרויסין אונאנגענעהמליכקייטען (גע פרנאמנאסט) דאס יעדער פון נאס בעטען ווי אונזער דוד המלך האט געבעטען (אל תשליכני לעת זקנה).

אונ אזו דאנקע איך דיר גרויסער גאט, פאר דיינע גרויסע גאבע (מתנה) וואס דוא האסט מיר מיט איר בעגאבט, איך מיין עס די צווייא בעגאבטע (טאלענטע) קינדער מיינע וואס איך האב זייא ערצויגען (מגדל געוועזען) אין גאטעס פארכט, אונ האב זייא זייער שיין אויס געבילדעט, גימאכט זייא פאר גיצליכע מענשין אויף דיינער וועלט.

---

ומאסוניה, ואחרי ראותי כי מעטים המה האנשים בעמנו אשר ישימו לבם לאחרית ימיהם להשאיר להם ברכה ואשר יחשיכו (אבשפארען) מכספם לעשות להם סגולה אשר תספיק לכלכלם בימי שיבתם, כמו שאמר החכם, ביום טובה היה בטוב וביום רעה ראה, גם זה לעמת זה עשה אלקים על דברת שלא ימצא האדם אחריו מאומה *) ומרביתם יסגרו ימיהם בבתי בניהם ובבתי בנותיהם המחכים למותם כאל יום הנחמה, או בבית החפשית (ארמענהויז), כי שמה ירעו כל ימי שיבתם ושמה ימותו, ולא ישימו לב לאחריתם, אמרתי להעתיק בכאן

---

*) ביום טובה היה בטוב וביום רעה ראה, פי' חיי חיים טובים בעת כי תרויח, אך עליך לראות ולהבין כי לא לנצח תהיה ההצלחה באמנה אתך ויבואו לך עוד ימים רעים כי אין ברית כרותה לה אתך, על כן בל תפזר כספך יותר מדי בכל אשר יטב לך, כי אם תדאג תמיד להשאיר מכספך על הימים הרעים, והמה ימי המחסור כי זה לעמת זה עשה אלהים, כי כאשר עשה ד' ימים טובים בעולמו כן עשה לעומתם ימים רעים והמה ימי העוני והמחסור וביותר ימי הזקנה, על דברת שלא ימצא האדם אחריו מאומה, פי' החובה על כל האדם לעשות כן היינו להכין לו טרף מימים הטובים על ימים הרעים כדי שלא ימצא מקום לפניו לתת שמץ דופי בהנהגתו של הקב"ה את עולמו, לאמר כי ברע הוא, וטעם אחריו אחר הנהגתו של הקב"ה, וטעם מאומה, שמץ דופי כמו ובכפי דבק מאום (מאקעל).



אונ האב דער צוא נאך זוכה געוועזען צוא זעהען דאס איך האב שוין בעניהע ערדייכט מיינען ציל מיט זייא אין דעם זיבציגסטען יאר פון מיינעם לעבען, דען איינער פון זייא איז שוין איין דאקטאר, אונ דער צווייטער האט שוין גיענדיגט דעם עקסאמען, נון בלייבט מיר

---

מאמרים שנים ממדרש תנחומא המדברים מעמל הזקנה, אולי ישמעו וישימו לב להבין מנוער לחמם לשיבה.

(מדרש תנחומא מקץ סימן י"ד) זאל שדי, ושה"כ על זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצא (תהלים ל"ב) מהו לעת מצא אמר ר' אבא לעת מצא זו הזקנה, צריך אדם להתפלל על זקנתו שתהא עיניו רואות ופיו אוכל ורגליו מהלכות שבזמן שאדם יזקין הכל מסתלק ממנו, ביצחק מה כתיב ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו מראות, ביעקב כתיב ועיני ישראל כבדו מזוקן, ופי' אינו אוכל שכן מצינו ברזילי אומר לדוד אם יטעם עבדך את כל אשר אוכל ואת אשר אשתה, אם אשמע עוד בקול שרים ושרות, ולמה יהיה עבדך עוד למשא אל אדוני המלך.

עוד שמה (בפרשה פקודי סימן ג') אומר שבעה עולמות מתחלפים על האדם מיום הולדו עד שובו לעפרו והולך שמה ומונה אותם על הסדר אחד אחר אחר ואין לנו בכאן עסק בהם כ"א בהשביעי לבד וזה לשונו שמה בעולם השביעי דומה לקוף שנשתנה דמותו מכל הבריות שואל על כל דבר ודבר ואוכל ושותה כמו נער ומשחק כמו תינוק וישוב לימי עלומיו בדעת אבל לא בדבר אחר, ואפילו בניו ואנשי ביתו מלעיגין עליו ומקללין אותו ושונאין אותו, וכשהוא דובר דבר אומרים לו כי הוא נער וזקן, והוא דומה לקוף בכל עניניו ובכל דבריו, ואפילו התינוקות מלעיגין עליו ומשחקין בו אפילו צפור דרור מנערתו משנתו, לסוף הגיע זמנו כו'.

פון אלע דיזע מאמרים איז שוין גענוג צוא לערנען וויא נייטיג עס איז יעדען צוא פאר זארגין זיך נאך אין זיינע מיטעלע יארין מיט וואס נור מעגליך פיר דאס עלטער, א"ה וועלין מיר דער פון נאך פיל מער שרייבען אין איינע בעזונדערע ווערקיל איבער דיא באנגעלעגע.

שוין מער ניט איבעריג נאך צוא לעבין פון דית גרויסער שעפער דאס
דוא זאלסט זיך נאך דער האלטין ביי דעם לעבין ... ביז מיין יאקאב
ועט אויך בעענדין דעם איינגעריזעטעם אונ דאן קען איך שוין גיין
רוהיג שלאפין ביי מיינע עלטערין , דען קיינען גרעסערין גליק דאר
פאר איז מיר ניט צוא ערווארטין אין דיזעם לעבין , אונ אזו האט אויך
געזאגט אונזער פאטער יעקב ביי זיינעם דער זעהען זיינען זון יוסף
(אמותה הפעם אחרי ראותי את פניך כי עודך חי) דען דיא וועלט איז
צוא פאר גלייכין צוא איינעם אפערע (הויז טעאטער) וואס דיא מענשין
זיינען אין איר אמייל צוא שויער (זריטעלעם) אמייך ראלענשפילער
(אקטארען) אונ ביידע מהיילען פערלאסין איר נור דאן מיט איינער
צופרידענהייט ווען נור דער לעצטע אויפטריט (יאוולענע) וואר פון
גוטין געדייהען (גערעטענעס) ווייל דיא ערסטע (די צו שויער) בלייבין
ענטציקט (וואס חישצען) פון דער צום לעצטין געשפילטע ערהאבענען
פאהשטעלונג (פרעדשטאוולענע) , אונ דיא לעצטען (דיא אקטארען)
בלייבין פערגעניגט אונ העכסט צופרידין מיט זיך זעלבסט ווייל זייא
ווארין אפלוידירט (בעפאצט מיט בראווע) אונ העכסט בעוואונדערט .

אונ איר מיינע ליבע קינדער (האט ער גיזאגט וועגדענד זיך צוא
אונז ביידין) טיישט מיך ניט (בעטריגט מיך ניט) אין דיזע האפענונג
מיינע , וואס איך האפע דאס איר וועט זיין נוציגע ערליכע מענשין ,
אונ גאטעם פירכטיגע לייטע , זייט וויסין דאס איר האט ניט וואס צו
רעכענען מער אויף מיך , דען איך בין שוין אלט אונ בין שוין רייזע
פערטיג צוא מאכין איינע ווייטע רייזע פון וועלכע איך ווערדע מיך
שוין ניט צוריק קעהרען מיין שעפעם איז שוין פערשפילעוועט , קוים
איין שפראנצעקע איז נאך אפין אום ארייין צו לייגין אין אים נאך מאנכע
קלייניקייט (דאס הייסט מאנכע מצוה אונ אמעשה טובה), אונ פשיטא
שוין דאס איר האט ניט צוא האפין אויף איינער ערבשאפט . זייט
וויסין מיינע קינדער איך האב קיין פערמעגין נור איינען גוטין
נאמען , אונ איינען גוטין קרידיט , וואס איך קען קוים באמיט
ערהאלטין אונ פריסטען (פראדאלזייען) מיינע לעצטע אונ געציילטע
מאנע הען מיין קאפיטאל האט זייער פיל געליטען דורך דעם שטורץ
פאל



(פאל) פון לואיפיליפ פראנצויזישער קיניג וואס ער איז דא ניט לאנג
פון זיין טראהן ארונטער . וואס איך האב מיט אפאר מאנאטין פאר
זייען שטורץ (פאל) פערבארגט דארט אין זיינעם הויף , די דארטיגע
פריילינגען אונ האפדאמען מער אלם פאר הונדערט טויזנד פראנק
בורלאנטין , נון זיינען זייא אלע בעטלעריגען געווארין דאס גלייכין
האב איך געליטין דורך דעם שטורץ פון דעם פראנציסקען
נאפאליטאנעשער קיניג וואס איך האב אים זעלבסט פערבארגט מיט
איינעם מאנאט פריער בורלאנטין אויף דרייסיג טויזענד פלאר , אונ
וואס ער איז איצונד בלוט ארעם , אונ אזו האב איך שאדין גיהאט
דורך דעם פון מיינעם פערקויפין בורלאנטין אויף קרידיט אנדערע
גרויסע האפלייטע (פרידוואנע) , פון דיזע ביידע הויפין , איך האב
זואר דיזע אלע בורלאנטין אויך אויף קרידיט גענומען , ביי אלעם
דעם איז עס נור מיין שאדין , איך כוי אלע דיא שולדין (חובות
טילגין (בעצאלין) ביז איין גראשין , אונ האב שוין דיזע סומען אלע
אין ברייטשאפט ביי מיר . איך וועל עס אים קורצין צוא שיקין צוא
מיינע קרעדיטארין , איך גלויבע עס ווערט פאר זיך גאר ניט בלייבין ,
אלזו מיינע קינדער שטארבע איך האט איר שוין גאנץ ווייניג צוא
רעכענען אויף מיינע ערבשאפט , נור אויף דעם ליבען גאט אונ אויף
אייערע פעהיגקייט (שפאסאבנאסט) אונ ערליכקייט , אונ דאן וועט
דער גאט וואס וואר מיט מיר זיין מיט אייך אויך , איך זאג עס אייך
איצונד , ווייל איין שבעים מאלצייט איז קיין פריידין פעסט (יום טוב)
עס איז מעהר ווי צוא זאגין איין אבשייד שמויז (איין מאלצייט וואס
ווערט גימאכט פאר דעם שיידין זיך מיט גוטע פריינד) וואס זייעע פריידן
זיינען פאר גאלט מיט גרויסע ליידין , פאר מישט מיט עכפשען אונ
קרעכטשען מיט וויידע מומת אונ מיט טרויעריגע ערינערונגען אלזא
מיינע קינדער זאלט איר מיך שוין ניט פערארגען (פאר איביל האבן)
דאס איך בין יעצט צו ערינגט געשטימט (סורואזנע) איך רייד דא מיט
אייך איצונד אלט איך וואלט שויך פאר געוויס דארפין באלד דארויף
זיין שטארבין , אונ געשוויינע (פשיטה שוין) דאס לויט רעכט האב
איך גידארפט מאכין דיזעם גישפרעך מיט איך שוין מיט איאר צו
ריק

How he lost his fortune

ריק, באלד נאך מיינעם גרויסן געלד פאר לוסט (שאדען), אונ מאר שוין אויך דאן ניט קונגעלפעסט, אונ בפרט דאס מען איז זעלבסט אין דר יוגענד אויך ניט גיזיכערט פון טויט, מיר שטערבליכע (תמותי) זיינען אימער רייף (צייטיג) צום גראב וויא איין אלטער שפריך וואָרט זאגט (גם בני הנעורים ממות לא שמורים) איך האב עס אבער אויף געשאבען (אפ גילייגט) אויף דיזען טאג אום צווייא וויכטיגע גרינדען, ערסטינס, אום עס זאל מעהר אפעקטירען (איין ווירקען) אויף אייערע געמיטהער דורך זיינע פייערליכקייט פיל מעהר אלס אין איינעם אנדערין טאג. צווייטינס, ווארי איך ביז הער ניט פערטיג מיט מיינעם טעסטאמענט (צואה), איך האב מיך פער שוינט ביז אהער מיט אזו איינעם הערץ אן גרייפונדען אויף טריט, אום ער זאל מיר ניט שטערין אין מיינעם שרייבין אין דעם טעסטאמענט, איך בין קוים ערסט מיט אים פערטיג גיווארין, אונ בין דער מיט העכסט צוא פרידין דאס איך האב עס אויסגעפייעט (ערדייכט), אונ וועל דיזעם בעוואוסט זיין נעמען מיט מיר אין גראב דאס מיינע ערבין (יורשים) וועלין ניט דארפין פראצעסירין צווישין זיך אונ ניט מיט זייער מוטער אונ ניט מיט מיינע קרעדיטארין, וויא דיזער פאל איז בייא די פוילישע יודען, דאס דיא עלטערין לאזין זייא איבער נור צאנק אונד האדער (קריג), פער פיינדין זייא זיך אונטער איינאנדער, אונ טוהען נייהע לייטין, פון דיזעם איביל מיינע קינדער האב איך אייך איין געהיט דען אין מיינעם טעסטאמענט וועט איהר שוין אלעם דייטליך געפינען איך האב אין איהר אן קיינעם זיך פער געסין, די מוטער די קרעדיטארין, מיינע דינערשאפט אלען מיט רעכט אונ פונקטליך (ארדענטליך) בעזעצט, דאס גימאנד פון זייא וועט האבין וואס צוא מורען איבער מיך, דיא איינציגע געקרענקטע (געקריינקטע) זייט איהר נור מיינע ליבע קינדער פאר אייך וועט גאר ניט בלייבין, אייער ערבשאפט בלייבט אייך נור מיינע גוטע ערציהונג אונ בילדונג וואס איך האב אייך מיט גאטעס הילף אונ ווילען גיגעבין, דיזעם קען אייך פיל נוצליכער זיין אלס איין גרויסע שאץ פיר מאנכען רייכען ערבין (יורש) וואס אים פעלען דיזע צווייא קלייגאדען וואס איהר עס בעזיצט (האט עס) איך מיין עס





דיא ערציהונג אונ בילדונג, ווייסט עס נור גוט צוא בענוצען אונ צו גיברויכין, נון מיינע קינדער בין איך שוין צוא ענדע מיט מיינעם געשפרעך פיר יעצט, דאס איבעריגע וואס איך האב נאך מיט אייך צו שפרעכין, אונ צו פער לאנגען פון אייך ווערט איהר עס שוין געפינען שריפטליך אין מיינער צוואה, אונ נון לאמיר אונז ווייטער גיטליך טאן, דען עס איז דאך הייגט איין געבורטס טאג מיינער, אונ אוועק מיט דעם וויינען, אונ לאזט אונז דיזען טראגעשען (טרויעריגען) פרייערליגט מיט איינער פריידע בעקריינען, דען אזו איז שוין איין מאל פיר אלע מאל (פיר אימער) דיא בעשאפענהייט פון איינעם שבעים מאלצייט, (דאס הייסט זיינע גאטירליכקייט) דאס ער מוז מיט צווייא געגען געזעצטע דאס הייסט זיך ווידער שפרעכענדע הומארען (ראזפאלאזנאסטי דוחא) געפייערט ווערען, דען מען געהערט צו זיין אין אים העכסט ערינסט געשטימט (סוריאזנע) אונ צוא גלייך אויך זיין הייטע פריליך געשטימט אום געוויסען גרינדען וויא איך וועל אייך דא עס גאנץ לאקאניש (בקיצור) ערקלערין.

מיר ברויכין צו זיין אין אים העכסט ערענסט (סוריאזנע) ווייל דער זיבעציגסטער געבורטס טאג איז דער גיוויינליכער רוביעזש (גרענעץ שטיין) פון מענשליכען לעבין, נון הייסט עס שוין איינע גאנץ קליינע שטרעקע (מרחק) פון דעם שרעקליכען גראב, אונ דיזעם מאכט שון יעדען בן שבעים ניט ווייניגער בעדיינקליך אונ פער שטימט (פער קימערט) אלס די נעהע (בליזאסט) פון דעם עשאפאט איינען יעדין פעראורטייהלטין (פאר משפטן) וואס ווערט אפ געפיהרט צו אים. אונ פריליך דארף מען זיין אין אים ווען מען האט איין בעוואוסט זיין (דאס הייסט דאס מען ווייס בייא זיך אויף קלאר) דאס מען האט הערליך גילעבט דיזען סך פון יארין אן אפגעבראכען גאנץ געזונד אונ גענוי לייטין, אונ גאט זייא דאנק דאס מיר פעלט ניט דיזעם בעוואוסט זיין, דען איך ווייס דאס איך בין יוצא גיווען אין מיינעם גאנצין לעבין פאר גאט אונ פאר לייטין, דען איך האב אפ געהיט מיין רעליגיאן וויא ווייט עס וואר מיר מעגליך, אונ האב גימאנדין אונרעכט גיטאן, איך האב ניט גימאנגען אין גיזעצט, ניט מסיג גבול גיווען,

ניט קאנקעריט (דאס הייסט זיך ניט מתגרה געווען במלאכה של חברי), נון מיינע פריינדע און מיינע קינדער לחיים ראמיר נאך ווייטער לעבין, דאנקען פאר דיא גאנגענהייט, און בעטין פיר די צו קונפט (עתיד), מיר זאלין לעבין און לוסטיג זיין דען עס איז דאך איין געבורסט טאג.

עס ווארין דיא גלעזער איבער נייעס געפילט אן גיקלאפט איינס אן דאס אנדערע, זייא ווארין אבער געמישט מיט טרערין, דען עס וואר דער בייא שטארק געווינט, און אזו הערונטער גישלונגען, און באלד דארויף איז מען זיך אוים איינאנדער גיגאנגען, גאנץ פער שטימט (פעראומערט) וויא מען גייט פון איינער לייכענריידע (הספד), אונזער מוטער זאל לעבין האט עס אזו גאר אונזערין פאטער אוים גירעט, דאס ער האט מיט זיינער ריידע (פריידיגט) מעהר בעליידיגט און גיקריינקט זיינע געסטע, אלס זייא בעעהרט מיט זיינער איין לאדונג, דען פער געווים זיינען זייא דאך אלע גיקומען אהער אום נור צו אמוזירען (זיך אונטער האלטין און צו פער טרייבין דיא צייט אין פריידין), נון האסט דוא זייא גאנץ אוף גערעגט (טריוואזעט) מיט איינער מוראלעשין פריידיג דאס עס איז זייא שוין פער גאנגען לוסט און אפעטיט צו געניסען דעם בעסטין ביסען, דען מאנכע פון דיינע געסטע זיינען דאך שוין פול עלטער פאר דיר, נון קענסט דו דאך שוין פון זעלבסט פער שטיין וויא עס וואר זייא צוא מוטה צו הערין פון דיר אזעלכע רייד וואס וואר זייא מעהר צוא ליידין אלס צוא פריידין, דער פאטער אבער האט איר גימאכט גרויסע איין ווענדונגען, און גיזאגט „מיינע ליבע פרויא, איך האב אין מיינעם גאנצין לעבין קיין געבורטס טאג מיינעם נאך גיפייערט, און דיזער איז בייא מיר דער ערסטער און צוא גלייך דער לעצטער, און האב אים אלזא גיפייערט, וויא דיא ווארהייט צו זאגין, אום צו האבין איינע גילעגענהייט אום דיזע ריידע צו האלטין, וואס זיא ועט זיין העכסט וואויל טוהענד און פון גרויסען ווירקונגען פאר אונזערע קינדער, נון שטעלסט דוא מיך גראדע צוא ריידע הערינער דאס איך האב מיינע געסטע בעליידיגט מיט דיזער ריידע, נייך מיינע פרויא עס איז

גראדע



גראדע אום ניקערט, מיינע געסטע פער שטייען מיך גאנץ אנדערס וויא דוא, דען זייא זיינען אלע מאראלישע לייטע, און זייא וועלין נאך מיך פרייזען און לויבין פיר מיינעם יעצטיגין געשפרעך, דען מענער פון גוטין כאראקטער קענען געניסען ביידע וועלטין אויף איין מאל דאס הייסט זיי קענען געניסען איין מאטעריעלען (קערפערליכן) פער גניגין, עסין און טרינקען, און צוא גלייך איינען גייסטיגען פער גניגען (עונג רוחני) דאס הייסט איינען מאראלישען פריידיגט, וויא דער פסוק זאגט (ויחזו אלקים ויאכלו וישתו) דאס הייסט דאס דיא זקנים פון דיא ישראל האבין געדיינקט פון גאט און האבין דער בייא אויך גיגעסין און גיטרונקען.

5.

## איין גרויסער שטריך אין רעכענונג.

דיזער פריידיג פון אונזער פאטער זכרונו לברכה וואר ליידער קיין שאלעס (פוסטעס)ווארט, ער וואר וויא צוא זאגין פיל מעהר פראפעטעס (נביאדיק) אלס איינע געוואוינליכע פעטערליכע ער מאהנונג (שטראף רייד) דען אין פער לויף פון איניגע טאגען נאך דעם שבעים מאלצייט האבין זיך אלע זיינע רייד בעשטעטיגט (מקוים גיווארין), וויא דיא ווארטען (ווערטער) פון איינעם געטליכען פראפעטען, אלעס פינקטליך, אלס וויא ער וואלט אין יענעם אווינד גיוועזן פון דער געטליכקייט זעלבסט בעזעלט (בעגייסטערט).

באלד אויף מארגין נאך דעם שבעים מאלצייט, האט ער אן גיהויבין צוא בעשעפטיגין זיך מיט דער גרעסטין איילפערטיקייט (פאפיעסנאסץ) אום אונזערעם ביידענס פער זארגונגען, דאס ה... ער האט אן גיהייבין צו מאכין גרויסע פאר קעהרונגען (ה... צוא אטפראווען מיך וואס צום גיכסטין אין דעם אונגיווערזיטעט, אום צוא בעענדין דארט מיין ש... און דאס גלייכין זיך צו בעמיהען (צוא ק... דאקטאר שטעלע (דאס הייסט אום איינע שט... דאקטאר) דארט אין דער ווארצעווגע פראווע...

מארקום, אין דעם קרייז (פאוויעד) אדעגזעע וואס איז אונזער געבורטס ארט, דען עס האט זיך געוואלט אונזער פאטער דער האלטין אים ביי זיך, אונ וואלט עס פאר געווים זייער לייכט אויס געווירקט, דען מיין פאטער וואר העכסט געליבט ביי אלעמען, ליידער, אבער האט גאט אנדערס בעשלאסין, דען אין פער לויף פון פינף יאר האט שוין אונזער פאטער זכרונו לברכה ניט געהערט מעהר צוא דער צאהל דער לעבענדיגען, ווייל ער איז גישטארבין דורך איינעם גאנץ געלינדען צאר, דען מיר ביידע (דאס הייסט איך אונ מיין ברודער) האבין גישלאפין מיט אים צו זאמען אין דעם זעלבין צימער, נור זיינען אוועק גיקומען (אפ גיקומען עס) מיט איינעם געלינדען קאפף שמערץ, אונ ער איז שוין ניט אויף גישטאנען, וויא ער זעלבסט דאס גישפראכין אין זיינעם פריידיג דאס אויף דיא עלטערע יארין איז גיזאגט דער פסוק (והיה כל מוצאי יהרגני) דאס פיר איינען אלגעמיין מאן איז די קלענסטע אורזאך גענוג אום אים צו טייטין.

נון מיין פריינד וויא ווייט מיר זיינען גיווארין דורך דיזען פלעצליכען טוידעס פאל בעטראפין (איספוזעט) קענט איר עס זעלבסט פיל בעסער פאר שטעלין אלס מיין מיט טייהלען עס אייך, דען מיר האבין אין אים פער לארין איינען טייערין אונ ליבליכען פאטער אונ דער צו נאך זיינען מיט זיינעם טויט צוא גלייך אפ גישטארבין אלע אונזערע גאלדענע אויס זיכטען, דען עס וואר שוין אויס מיט אלע אונזערע האפונגען דאס איך זאל בעציהען דעם אוניווערזיטעט אין קאפענהאגען אונ דאס מיין ברודער זאל ווערין קרייז ארצט אין אדעגזעע דען מען האט גיברויכט צו מאכין גרויסע קאסטין, אום עס דורך צו זעצין (אויס צוא פירען), אונ לויט דעם פאטערס צוואה איז פאר אונז גאר איינע קליינע קנאפעקיט געבליבען, וואס האט ניט געקלעקט אויף צו קליידין זיך גיהעריג, אונ אויף ארעמע [illegible]ע קאסטין, דען מיר האבין דר וויסט אין דעם פאטערס טעסטאמענט [illegible]בין ריכטיג וויא ער האט אונז שוין גיזאגט אין דער נאכט פון [illegible]בעים מאל צייט, מיר האבין איר דורך גילעזין מיט איינעם [illegible]ענעם הארצין וויא איין דעליקווענט (פער אורטיילטער)

טוידעס



טוידעס אורטייהל (דעקרעט), אונ מיר האבין איר גאנץ ריכטיג פאלצויגען (מקיים גיוועזן), בעצאלט אלע שולדען ביז איין גראשין, אונ פאר זארגט דיא מוטער אונזערע מיט דעם איבער געבין איר די נחלאות וואס האט דאן איין גיטראגין צוועלף הונדערט טאלער יערליך, אונ פאר אונז האט זיך אב גישטעלט אקליינער טייהל פון דיא הויזראט וואס מיר האבין עס גימאכט צוא געלט קוים דרייא הונדערט טאלער פיר אונז ביידין, דער צוא נאך מאנכע פאפירען (העקסלען) וואס אום זייא איין צו מאנען מוז געפיהרט ווערין שווערע פראצעסין (משפטים) וואס ווארין דאן פערבונד מיט גרויסע קאסטען אונ מיט צייט פער לוסט (צייט שאדען).

דער צו נאך ווארין מיר העכסט געריהרט פון זיינע ערמאנונגען (שטראפונגען) אז אונז אין איר דאס מיר זאלין גיין אין גאטעס וועג, אונ זיין איינער דעם אנדערין העכסט טרייע אונ בעהילפליך אין דער נויט, אין אלגעמיין (בכלל) וואר דיא צוואה איינע מייסטער ווערק, געשריבין מיט הערץ מיט געפיהל, ער האט אונז געלאזין צווייא עקזעמפלארין פון איר (דאס הייסט צווייא אב שריפטען מיט זיינער אייגענער האנד) איינע פיר מיך אונ איינע פיר מיינען ברודער, אום מיר זאלין איר (יעדער פון אונז) עס דורך לייענען ביי יעדין יאר צייט, זייא זיינען ביי אונז גיבונדין אין זאמענט מיט איינער פער גילטונג, איין היפש מאראלישעס שריפט, גאנץ גענוג אום צו ריהרען איין קינדערליכעס הערץ, נור גענוג צוא ריידין דער פון דען דיזעס רייסט מיר אויף מיינע לייננסט (לאנג שוין) פער נארבטע (פער שטרופעטע) וואונדען, דען וויא אויך עס איז מיר גוט דאך פעלט ער מיר, אונ איך בעניידע (בין מקנא) דיא יעניגע וואס בעזיצען עס נאך (דאס הייסט וואס האבין נאך א פאטער וויא מיינען). ער האט זיך דער ביי דיא אויגין געווישט, אונ טיפע זיפצען האט אויס געפרעסט פון זיינער ברוסט.

מע"ה